# דברי מוסר והתעוררות

## שהשמיע כ"ק מרן אדמו"ר מוויען שליט"א

## בדרשת ז' אדר תשע"ט לפ"ק

להתדבק רק בחבורותא של יראי ה' באמת • להתרחק מכל מיני סאושע"ל מידי"א למיניהם • השימוש בסמארטפון בפרהסיא ובמקום רבים • להשתמש בסעלפון פשוט לצורך שאר עניניו • צניעות בבגדי נשים • לנצל שעות החיים לתורה ועבודת ה'

יוצא לאור ע"י מכון מעדני מלך וויען

**די** גמרא (חולין ס.) זאגט, דרש רבי חנינא בר פפא, מאי דכתיב (תהלים קד-לא) יהי כבוד ה' לעולם, די כבוד פונעם אייבערשטן זאל זיין שטענדיג, ישמח ה' במעשיו, דער אייבערשטער זאל זיך פרייען מיט זיינע מעשים. פסוק זה שר העולם אמרו, דעם פסוק האט געזאגט דער מלאך וואס איז ממונה אויף די וועלט. בשעה שאמר הקב"ה (בראשית א-יא) למינהו באילנות, בשעת דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער געזאגט אז די ביימער זאלן באשאפן ווערן, און עס זאלן ארויסקומען עץ פרי עושה פרי למינו, יעדער בוים זאל זיין צו זיין מין, עס זאל זיין קענטיג פאר זיך, עס זאל נישט ארויסקומען אויסגעמישטערהייט, נשאו דשאים קל וחומר בעצמן, האבן די גראז, די ירקות, גענומען א קל וחומר, כאטש זיי האט מען נישט געהייסן אז זיי זאלן ארויסקומען למינו, נאר פאר די אילנות, פון דעסטוועגן דאך האבן זיי געמאכט א קל וחומר, אם רצונו של הקב"ה בערבוביא, אויב דער אייבערשטער וויל אז עס זאל זיין אַן ערבוביא, למה אמר למינהו באילנות, פארוואס האט ער געזאגט ביי די אילנות אז עס זאל זיין למינהו.

**ועוד** קל וחומר, און נאך א קל וחומר, ומה אילנות שאין דרכן לצאת בערבוביא, מה דאך ביימער וואס יעדעס איינע וואקסט פאר זיך, עס האט עקסטערע צווייגן, און זיי וואקסן נישט נאנט איינס צו דאס אנדערע, פון דעסטוועגן דאך האט דער אייבערשטער געזאגט למינהו, אז יעדער מין זאל ארויסקומען עקסטער, אנו על אחת כמה וכמה, אונז דשאים וואס מיר זענען געוואוינט אז מיר וואקסן צוזאמען, און אז מען וועט נישט ארויסקומען יעדעס איינע עקסטער פאר זיך, וועלן מיר נישט זיין קענטיג. מיד כל אחד ואחד יצא למינו, איז יעדע מין ארויסגעקומען עקסטער פאר זיך. ווען דער שר העולם האט דאס געזעהן, פתח שר העולם ואמר, יהי כבוד ה' לעולם ישמח ה' במעשיו, דער כבוד פונעם אייבערשטן זאל זיין שטענדיג, אלע זענען זהיר אין די מצוות פונעם אייבערשטן. די אילנות האבן געטון וואס דער אייבערשטער האט געהייסן, די דשאים האבן געמאכט א קל וחומר וואס דער אייבערשטער וויל, און זיי זענען אזוי ארויסגעקומען, עס זאל זיין דער כבוד פונעם אייבערשטן אויף שטענדיג.

**מען** דארף פארשטיין, וואס איז דער לשון עתיד, יהי כבוד ה' לעולם, ער וואלט געדארפט זאגן מיט א לשון הוה, כבוד ה' היא לעולם ועד, דער כבוד ה' וואס עס איז יעצט דא, דאס איז שטענדיג. און וואס איז דער ישמח ה' במעשיו, אז לעתיד זאל זיך דער אייבערשטער פרייען מיט זיינע מעשים. אויך דארף מען פארשטיין, פארוואס טאקע האט דער אייבערשטער נישט געהייסן פאר די דשאים אז זיי זאלן אויך ארויסקומען למינהו, אזוי ווי פאר די אילנות. דער באשעפער האט זיך פארלאזט אויף דעם שכל פון די דשאים, אז זיי וועלן אליין אפלערנען א קל וחומר פון די אילנות, ווי אזוי זיי דארפן צו וואקסן.

מיר געפינען נישט ביי קיין שום זאך אין די בריאה, אז דער אייבערשטער זאל נישט זאגן מיט קלארע ווערטער וואס ער וויל באשאפן. און פונקט דא ביי די דשאים, האט דער אייבערשטער אויסגעלאזט, און ער האט געזאגט, אז די אילנות זאלן זיין למינהו, און די דשאים וועלן שוין פון זיך אליין פארשטיין וואס זיי האבן צו טון.

## אדם נמשך בדיעותיו אחר ריעיו וחביריו

**עס** קען אפשר זיין דער ענין דערפון איז, עס שטייט אין רמב"ם (הל' דיעות ו-א), דרך בריתו של אדם, דער סדר פונעם מענטש איז, להיות נמשך בדעותיו ובמעשיו, א מענטש ווערט נמשך אין זיינע מיינונגען און זיינע פירונגען, אחר ריעיו וחביריו, נאך זיינע פריינד און זיינע חברים. ונוהג כמנהג אנשי מדינתו, ווען מען וואוינט אויף א פלאץ, פירט מען זיך אזוי ווי די מענטשן וואס וואוינען אין דעם מקום. אזוי איז דער דרך פון בריאת האדם, אזוי האט דער אייבערשטער באשאפן דעם מענטש. לפיכך צריך אדם להתחבר לצדיקים, דארף זיך א מענטש מחבר זיין צו צדיקים, ולישב אצל החכמים תמיד, און זאל שטענדיג זיצן צווישן חכמים, צווישן ערליכע יודן, כדי שילמוד ממעשיהם, כדי ער זאל זיך אפלערנען פון זייערע מעשים, ויתרחק מן הרשעים ההולכים בחשך, און ער זאל זיך דערווייטערן פון די רשעים, כדי שלא ילמוד ממעשיהם, כדי ער זאל זיך נישט אפלערנען פון זייערע מעשים. דאס זאגט שלמה המלך (משלי יג-כ) הולך את חכמים יחכם, ורועה כסילים ירוע. דער וואס גייט מיט חכמים, וועט ער אויך ווערן א חכם, און פארקערט איז ביי די כסילים. און דער רמב"ם ברענגט צו דעם פסוק (תהלים א-א), אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים וגו', ובמושב לצים לא ישב.

**וכן** אם היה במדינה שמנהגותיה רעים, אויב מען געפינט זיך אין א מדינה ווי מען פירט זיך נישט אויף גוט, ואין אנשיה הולכים בדרך ישרה, און מען גייט נישט אויפן ריכטיגן וועג, זאל ער גיין אויף א פלאץ ווי די איינוואוינער זענען צדיקים, און זיי גייען אויפן ריכטיגן וועג. ואם היו רעים וחטאים, און מען לאזט אים נישט וואוינען אין די מדינה נאר אז ער וועט זיך אויסמישן מיט זיי, און ער וועט זיך פירן ווי זיי, יצא למערות ולחוחים ולמדברות, זאל ער איבערלאזן די שטאט, און ארויסגיין אין א מדבר, ואל ינהיג עצמו בדרך חטאים, און ער זאל זיך נישט לאזן פירן אין די וועג פון די חוטאים, און ער ברענגט צו דעם פסוק (ירמיה ט-א) מי יתנני במדבר מלון אורחים.

## להתדבק רק לחברותא של יראי ה' באמת

**הרבה** חברותא עושה (סוטה ז.), חברותא טוט זייער אסאך ווירקן אויפן מענטש. בדרך כלל איז מען דאך עוסק אין משא ומתן, מען דארף זיך דרייען אויף די גאס, מען דרייט זיך ארום א גאנצן טאג מיט גוים און מען ארבעט צוזאמען, וואס מיר ווייסן אז אלע זייערע מעשים, זייער דיבור, זייער מחשבה, איז מלא טומאה וזוהמא, דעם גוי'ס פירונגען הייסט איז טומאה! און אז מען מוז זיך דרייען מיט זיי, על כרחו הערט ער זאכן וואס ער דארף נישט, ער זעהט זאכן וואס ער דארף נישט, און מען ווערט מושפע פון זיי, און עס ווערט אפגעקילט ביי א יוד דעם הייליגן פייער וואס דארף ברענען אין א יודיש הארץ.

**דער** נסיון איז געווען אין אלע דורות, און אין אלע זמנים. מען האט געוואוינט אין גלות צווישן גוים, און עס איז אויסגעקומען אז מען זאל קענען נשפע ווערן פון א גוי. היינט איז עס נאך אסאך טיפער פון דעם. אמאליגע צייטן ווען א יוד האט אנגעהויבן נאכצולאזן אין תורה, ער האט אנגעהויבן מתרשל צו זיין אין דעם חינוך וואס ער האט באקומען ביי זיינע עלטערן, האט מען דאס די ערשטע דערקענט אויף זיין חיצוניות. ער האט זיך געטוישט זיינע בגדים, ער האט זיך געטוישט זיין אויסזעהן, זיין קאפל איז געווארן קלענער, דאס רעקל איז געווארן קלענער, זיין הוט האט זיך געטוישט פון וואס ער איז ביז יעצט געגאנגען, די שיך זענען געווארן שפיציג, די הויזן זענען געווארן שמאל, זיינע גלעזער זענען געווארן אנדערש פון וואס עס איז געווען, מען האט געקענט דערקענען אז דער מענטש האלט ביים זיך גליטשן פון וואס ער איז געווען. עס האט זיך דערקענט אין זיין צורה, די פיאות זענען קלענער געווארן, ער האט זיך אנגעהויבן צו שטיצן די בארד, וכהנה וכהנה. און מען האט געוויסט, אז פון זיין חברותא דארף מען זיך היטן, ער האלט ביי א ירידה, און ער איז נישט קיין גוטע חברותא, נישט פאר זיך און נישט פאר זיינע קינדער.

**היינט** איז אנדערש. **היינט קען זיין, אז אין חיצוניות זאל מען בלייבן אזוי ווי ער איז געווען, ער גייט אנגעטון מיט חסידישע בגדים אזוי ווי ער איז געגאנגען פארדעם, זיין בארד און פיאות זענען לאנג, ער שערט זיך נישט די בארד, אבער אינעווייניג אין זיך, און אין זיין שטוב, האט מען איבערגעלאזט די דרכי התורה, און מען פירט זיך אויף ככל שבכלים, דאס נידריגסטע! ער קומט ווייטער אין בית המדרש, ער דרייט זיך צווישן זיינע חברים, ווייל ער וויל נישט פארלירן זיינע חברים, ער וויל נישט ווערן אויסגעשפיגן צווישן זיין חברותא, שטעלט ער אָן דעם חיצוניות כאילו עס האט זיך גארנישט געטוישט, און ער קומט אין בית המדרש. ער וויל נישט אז זיינע קינדער זאלן נישט האבן קיין מוסדות התורה וויא מען זאל זיי ארייננעמען, און די קינדער זאלן דארפן ליידן פאר זיין הנהגה, און זיי זאלן זיין אפגעזונדערט פון די חברים, טוט ער אלעס פארשטעקן, און ער באהאלט וואס ער איז באמת, אבער אינעווייניג איז ער א פארלאשענער קויל.**

**די השפעה פון אזא יונגערמאן, קען שעדיגן אסאך און אסאך מער, ווי די השפעה פון א גוי! ווייל נישט יעדער איינער ווייסט וואס עס טוט זיך אין הארץ. למראה עינים קוקט ער ווייטער אויס אזוי ווי א יוד וואס איז א שומר תורה, אבער עס שפראצט ארויס מפעם לפעם קלות אין געוויסע ענינים. א זלזול צו אלעם וואס איז הייליג ביי אונז. און נאר א גוט אויג קען מבחין זיין, און וויסן, אז עס איז עפעס נישט אין ארדענונג מיט דעם מענטש.**

**איז** שטארק וויכטיג, אז יעדער זאל זיך שטענדיג מתבונן זיין, און ארומקוקן, ווער זענען זיינע חברים ארום און ארום; מיט וועם דרייט איך זיך בייטאג ביי די ארבעט; מיט וועם זיץ איך צוזאמען אין בית המדרש; **און אויב ער זעהט א קאלטקייט, א קרירות, און א חולשה, אין זיין חבר, זאל ער זיך מתרחק זיין פון אים, ווייל דער סוף וועט זיין, ער וועט נשפע ווערן פון זיינע דיבורים. מען דארף זיך מדבק זיין נאר צו א חברותא פון אמת׳דיגע יראי ה׳.**

## לימוד מהדשאים שלא לצאת בערבוביא

**די** מדה קען מען זיך אראפלערנען פון די דשאים. די גראז וואס דער אייבערשטער האט באשאפן זענען א דומם, זיי האבן נישט קיין דעת, זיי האבן נישט קיין שכל, אז איין גראז זאל זיך אראפלערנען פונעם צווייטן, און פון דעסטוועגן דאך, האבן די דשאים פארשטאנען אז מען קען נישט ארויסקומען בערבוביא, עס דארף זיין למינהו, יעדער מין דארף זיין מפורט פאר זיך, יעדער דארף ארויסקומען למינו. זיי האבן אראפגעלערנט א קל וחומר פון די אילנות, אויב די אילנות דארפן זיין למינהו, דארפן מיר אוודאי זיין אזוי.

**אונז** דארפן מאכן דעם קל וחומר מיט א שטאפל ווייטער. מיר קענען אראפלערנען א בן בנו של קל וחומר אויף מענטשן וואס זענען בעלי דעה, זיי האבן שכל, און זיי זענען גרינג מקבל א השפעה פון ארום און ארום, ווייל עס איז דאך דרך ברייתו של אדם להיות נמשך בדעותיו ובמעשיו אחר סביבותו, מען ווערט נאכגעצויגן נאך די חברים וואס מען איז צוזאמען מיט זיי. מען ווערט נשפע פון אלעם וואס מען זעהט, און פון אלעם וואס מען הערט. וויפיל ליגט אויף אונז אכט צו געבן, אז ער זאל זיך נישט אויסמישן מיט קיין אינו מינו, מיט א זעלכע וואס עס איז נישט צוגעפאסט צו אים, נאר זיך מדבק זיין צוזאמען מיט יראי ה׳ און אוהבי תורה.

**וועגן** דעם האט דער אייבערשטער נישט מצווה געווען די דשאים אז עס זאל זיין למינו, אז זיי זאלן ארויסקומען צו זיין מין. נאר דער באשעפער האט זיך פארלאזט, אז זיי וועלן זיך אראפלערנען א קל וחומר פון די אילנות אז עס דארף זיין למינו, כדי מיט דעם צו לערנען פאר מענטשן, אז זיי זאלן פארשטיין, אז מה דאך דשאים, וואס זענען א דומם, פארשטייען פון זיך אליין אז עס קען נישט זיין קיין ערבוביא, און מען דארף זיי אפילו נישט מעורר זיין דערויף, זיי פארשטייען פון זיך אליין אז עס דארף אזוי צו זיין, כל שכן אז מענטשן דארפן זיך אוודאי אפלערנען, אז גבולות חלק בעולמו. דער פלאץ פון אן ערליכער יוד דארף זיין נאר צווישן יראי ה׳, און אכט געבן פון א חברותא וואס עס איז נישט גוט.

## להתבונן בכל דבר אם יש בו ריח של קדושה

**נאך** א נקודה איז דא ביי די דשאים וואס מען דארף זיך אראפלערנען. מיר געפינען אין גמרא הונדערטער הנהגות וואס א יוד דארף זיך צו פירן. **חכמינו ז״ל האבן**

**אונז געלערנט איידלקייט, וויאזוי א מענטש דארף זיך געוואוינען אז עס זאל נתקדש ווערן שם שמים מיט דעם וועג וויאזוי ער פירט זיך, אפילו פשוטע מענטשן. נאך מער האבן דאס די חכמים ארויפגעלייגט אויף בני תורה תלמידי חכמים וואס דארפן האבן נאך א שענערע הנהגה. די זאכן וואס חז״ל האבן אונז געלערנט, איז נישט בפירוש מפורש אין די תורה, עס איז נישטא קיין פסוקים אויף אלעם אז מען דארף זיך אזוי צו פירן. אין די תורה איז נישטא מער ווי תרי״ג מצוות. און חז״ל האבן אונז צוגעגעבן הונדערטער און הונדערטער הנהגות, וויאזוי א יוד דארף זיך פירן צו קענען זיין ערליך. וואס כאטשיג עס שטייט נישט אין די תורה, אבער אז איינער פארשטייט די טיפע קדושה פון תורה, איז ער זיך מתבונן און ער טראכט אריין אין יעדע זאך, וואס איז דער רצון השם, וואס וויל דער אייבערשטער, און וואס זענען די זאכן וואס ער קען מיט דעם טוען א נחת רוח פאר׳ן באשעפער.**

**חז״ל** ברוך קדשם האבן זיך מתבונן געווען און זיי האבן אראפגעלערנט פון די תורה, און אונז געלערנט, יעדע זאך וואס א מענטש טוט, וויאזוי מען טוט עס אויף א וועג פון איידלקייט וואס פאסט זיך פאר א יודיש קינד. א קינד וואס האט ליב זיין טאטע, טוט ער נישט נאר וואס דער טאטע האט אים געהייסן טוען, אויב ער ווייסט אז עס איז דא א נחת רוח פאר׳ן טאטען אויף די זאך, וועט ער זיך משתדל זיין און צופרידן שטעלן זיין פאטער און טוען וואס דער טאטע וועט הנאה האבן דערפון.

**די** זאכן ווערן געטוישט מדור לדור, פון איין דור צום צווייטן. עס ווערט דאך נתחדש שטענדיג פארשידענע זאכן וואס עס איז נישט געווען אין פריער׳דיגע דורות, און ביי יעדע זאך דארף מען שטענדיג דן זיין דערויף, איז דאס אויסגעהאלטן לפי רוחה של תורה, צי איז דאס נישט אויסגעהאלטן לויט די גייסט פון תורה. **נישט אויף יעדע זאך קען מען ווייזן מיטן פינגער אז עס איז אסור, ווייזן א מאמר חז״ל דערויף, צי ווייזן אן הלכה אין שו״ע אז מען דארף עס נישט צו טוען. אבער מען דארף דערקענען מיט׳ן ריח פון די זאך, מען דארף דערשמעקן די זאך, וואס ליגט אין דעם, צי איז אין דעם דא א ריח של תורה, איז דאס אויסגעהאלטן לויט די גייסט פון תורה, צי דאס איז א ריח פון התחדשות צו גיין אין די וועגן פון די גוים וואס האט נישט קיין פלאץ אין א יודישע שטוב.**

**אמאליגע** צייטן איז געווען רוח הקודש, היינט איז נישטא קיין רוח הקודש, אבער א ריח הקודש איז געבליבן ביי חכמי ישראל. עס איז געבליבן א ריח אז מען זאל קענען דערשמעקן אויף יעדע זאך צי עס האט אין זיך א ריח פון קדושה, צי אין דעם ליגט טומאת הגוים. און ביי יעדע זאך זיך מתבונן זיין און שמעקן, וואס איז דער טעם און דער ריח וואס עס ליגט אין דעם, צי דאס קומט אריין אין א יודישע שטוב, צי נישט.

## הדשאים התבוננו לדעת רצונו של מקום

**און** די נקודה קען מען זיך אויך אראפלערנען פון די דשאים. מען האט זיי נישט מצוה געווען למינהו אזוי ווי ביי די אילנות. ווען זיי וואלטן ארויסגעוואקסן בערבוביא, וואלט קיינער נישט געקענט זיי פארהאלטן פארוואס זיי האבן אזוי געטוען, אז זיי האבן עובר געווען און ממרה געווען די ווערטער פונעם אייבערשטן, זיי האבן נישט געטוען אנדערש ווי דער אייבערשטער זאגט, זיי האבן געפאלגט וואס דער באשעפער זאגט, אדרבה, אילנות האט מען געזאגט למינהו און זיי האט מען נישט מצווה געווען, זיי זענען הונדערט פראצענט בארעכטיגט ארויסצוגיין בערבוביא, ווייל מען האט זיי נישט מצווה געווען. די דשאים האבן אבער געהאט א געטליכן שכל, אז נישט יעדע זאך דארף מען ארויסזאגן בפירוש. **מען דארף זיך מתבונן זיין און אראפלערנען ביי יעדע זאך וואס איז דער רצון השם אין דעם. מיט וואס איז דער אייבערשטער זיך מתענג ווען מען פירט זיך אזוי. וואס וואלט געווען ווען אונז וואלטן מיר געקענט פרעגן כביכול דעם רבונו של עולם, אויף די און די הנהגה, דארף מען זיך אזוי פירן צי נישט, וואס וואלט דער אייבערשטער אונז געענטפערט דערויף, און אזוי דארף מען זיך צו פירן.**

**די** דשאים האבן געזאגט, אויב דער אייבערשטער וויל ערבוביא, פארוואס האט ער געהייסן למינהו ביי אילנות, אז די אילנות זאלן ארויסקומען למינהו, איז דאך א סימן אז דער אייבערשטער וויל נישט קיין ערבוביא, אפילו ביי

ביימער וואס איז בטבע זיי זאלן זיין מפוזר, האט ער אנגעזאגט למינהו, דארפן מיר פארשטיין פון זיך אליין, אז אונז וואס מיר זענען מיר תכופים, אונז וואקסן מיר תכופים ומעורבבים, דארפן מיר ארויסגיין למינו. די דשאים לערנען אונז, אז ביי יעדע זאך דארף זיך א יוד מתבונן זיין, וואס איז תוך תוכו דער רצון השם אין די זאך. מען מוז נישט יעדע זאך מצווה זיין פונקטליך פונקטליך וואס מען דארף צו טוען און וואס מען דארף נישט צו טוען - און וועגן דעם זענען זיי ארויסגעגאנגען למינו, יעדער צו זיין מין.

**און** דאס איז אויך לדורות. מען קען נישט אראפלייגן קיין שולחן ערוך אויף יעדע פרט און פרט פונעם לעבן, וואס דער לעבן איז געטוישט געווארן היינט פון וואס עס איז געווען, טויזענטער אופנים אנדערש! יעדע שטוב איז כמעט נישט ענליך אין גשמיות צו וואס עס איז געווען אמאל. די גאס איז נישט די זעלבע. די וועג וויאזוי מען לעבט, איז נישט די זעלבע ווי עס איז געווען אמאל. מען קען נישט אראפלייגן פרטיות אויף יעדע זאך וויאזוי מען דארף זיך צו פירן. עס ווערט געטוישט פון טאג צו טאג לויטן רוח הזמן. אבער ביי יעדע זאך דארף מען אריין טראכטן, וואס איז דער שכל התורה ביי דעם, וואס וואלט אונז דער נותן התורה געזאגט אויף די זאך, דארף מען עס טוען, צי מען דארף עס נישט צו טוען, און מרגיש זיין ביי יעדע זאך, צי דאס איז רצון השם צי נישט.

## ביום השלישי יקימנו ונחיה לפניו

**קען** זיין אז דאס זאגט דער נביא יחיינו מיומים, ביום השלישי יקימנו ונחיה לפניו, ונדעה נרדפה לדעת את ה׳ (הושע ו-ב). זייער א שווערער פסוק, דער באשעפער זאל אונז געבן לעבן פון די צוויי טעג, און דעם דריטן טאג זאל ער אונז האלטן אונז זאלן לעבן, און מיר זאלן וויסן נאכצויאגן צו קענען דעם אייבערשטן. קען זיין דער פשט דערפון איז, די ערשטע צוויי טאג פון די בריאה וואס דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, איז באשאפן געווארן שמים וארץ, זיי האבן געטוען נאר וואס דער אייבערשטער האט מצווה געווען ביי די בריאה, אזוי זענען זיי באשאפן געווארן. דעם דריטען טאג איז צוגעקומען א חידוש אין די בריאה, דער אייבערשטער האט געזאגט תדשא הארץ דשא, און די בריאה האט מוסיף געווען א נייע זאך וואס מען האט איר נישט מצווה געווען צו טוען, נאר עס האט זיך מתבונן געווען, אונז וויל מיר טוען א נחת רוח פארן אייבערשטן, אן דעם וואס מען זאל אונז מצווה זיין וואס אונז זאלן מיר טוען. זיי זענען נישט נצטווה געווארן אז זיי זאלן ארויסקומען למינהו, אבער זיי האבן אליין פארשטאנען אז מען דארף ארויסקומען למינו. אז דער אייבערשטער וויל ערבוביא פארוואס האט ער געזאגט למינהו באילנות, איז דאך על כרחך אז עס איז א תענוג פאר׳ן אייבערשטן ווען די מינים זענען נישט אויסגעמישט. ווילן מיר, און מיר זענען משתוקק, צו טוען דעם רצון השם, מיר טוען א זאך וואס עס וועט זיין א ריח ניחוח פאר׳ן אייבערשטן, זענען זיי ארויסגעקומען יעדער איינער פאר זיך אליין.

**מען** געפינט ביים חטא פון מי מריבה, אז דער אייבערשטער האט פארגעהאלטן פאר משה רבינו אז ער האט נישט צוגעברענגט יודן להקדישנו לעיני בני ישראל (במדבר כ-יב), ער זאל מקדש זיין דעם אייבערשטן אין די אויגן פון יודן. זאגט רש״י, אילו דברתם אל הסלע, ווען עטץ וואלטס גערעדט צו דעם שטיין, און דער שטיין וואלט ארויסגעגעבן וואסער, הייתי מקודש לעיני העדה, וואלט איך גע׳הייליגט געווארן פאר יעדן איינעם, באמרם, מען וואלט געזאגט, מה סלע זו שאינו מדבר ואינו שומע, א סלע וואס רעדט נישט, הערט נישט, ואינו צריך לפרנסה, ער איז נישט אנגעוויזן אויפן רבונו של עולם ער זאל קענען לעבן, מקיים דיבורו של מקום, איז קל וחומר אנו, דארפן מיר אוודאי מקיים זיין. פון א דומם וואס טוט דעם רצון השם דארף מען זיך אראפלערנען וויאזוי מיר דארפן מקדש זיין דעם אייבערשטן׳ס נאמען.

**זאגט** דער פסוק, ׳יחיינו מיומים׳, פון די ערשטע צוויי טעג פון די בריאה אז דער דומם האט געטוען וואס דער אייבערשטער האט מצווה געווען אויף אים, באקומען מיר חיות, אונז טוען אויך, און מיר דארפן טוען וואס דער אייבערשטער איז אונז מצווה. אבער ׳ביום השלישי׳, ווען עס איז געקומען דער דריטער טאג, האבן אונז די דשאים געלערנט, אז מיר דארפן קענען פארשטיין די השפעה פון א חברותא דאס מיר זאלן זיך נישט אויסמישן מיט

אנדערע וואס איז נישט אונזער מין, נאר דעמאלטס איז ׳יקימנו ונחיה לפניו׳, וועלן מיר זיך קענען האלטן און לעבן פארן אייבערשטן. עס וועט זיין א קיום פאר אונזער עבודה. די דשאים האבן אונז געלערנט, עס איז נישט גענוג צו טוען וואס דער אייבערשטער הייסט, מען דארף זיך מתבונן זיין ביי יעדע זאך, וואס איז געליבט ביים אייבערשטן און טוען א נחת רוח פאר׳ן באשעפער. ונדעה נרדפה לדעת את ה׳, אונז זאלן מיר וויסן נאכצויאגן צו פארשטיין וואס דער אייבערשטער וויל פון אונז, וואס זענען די ענינים וואס דער באשעפער האט א תענוג דערפון, און דאס זאלן מיר נאכיאגן און זאלן עס טוען.

## ההנהגה הנפלאה של הדשאים לימוד לדורות עולם

**דער** שר העולם איז דער מלאך מט״ט, ווי מען האט פריער גערעדט, ער ווערט אנגערופן נער (תוספות חולין ס.), חנוך איז נתהפך געווארן פון בשר אויף פייער, ווערט ער אנגערופן שר העולם. שטייט אין בעלי תוספות (בראשית א-יב) אז זיין נשמה איז שוין געווען פריער, וואס ער איז געווען ממונה אז ער וועט זיין דער שר העולם, וואס כאטשיג ער איז ערשט געווען אין די שפעטער׳דיגע דורות, ווערט ער אנגערופן דער שר העולם. דער חנוך איז געווען פון די עשרה דורות צווישן אדם און נח, וואס כל הדורות היו מכעיסין ובאין ביז דער אייבערשטער האט געברענגט דעם מבול (אבות ה-א). און זייער חטא איז געווען ערבוביא, כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ (בראשית ו-יב), מענטשן האבן געזינדיגט בערבוביא, די פירות זענען ארויסגעקומען בערבוביא (ב״ר כח-ח), בהמות און חיות נזקקין לשאינם מינם (רש״י שם), זיי האבן צוגעברענגט דעם גאנצער דור, אז עס איז געווארן אן ערבוביא אין די גאנצע בריאה.

**ווען** דער אייבערשטער האט געענדיגט בריאת העולם איז געווען א שמחה ביים אייבערשטן, אזוי שטייט דאך אין חז״ל (מגילה י:), חנוכת המשכן איז געווען א שמחה כיום שנברא בו שמים וארץ. דער דור המבול האט צוגעברענגט פארקערט, וינחם ה׳ כי עשה את האדם בארץ ויתעצב אל לבו (שם ו-ו). דער חנוך, דער שר העולם, וואס האט מיטגעלעבט אין די עשרה דורות וואס איז געווען צווישן אדם און נח, ער האט געזעהן די נסיונות פון זיין דור, וויאזוי מען וועט זיך מחבר זיין, נזדקק זיין לאינו מינו. ווען ער האט געזעהן אנהייב פון די בריאה די שיינע הנהגה פון די דשאים, אז כאטשיג מען האט זיי נישט מצווה געווען זענען זיי אלע ארויסגעקומען למינו, צו לערנען פאר אונז, אז א דומם פירט זיך אזוי, דארף א מענטש אוודאי מדקדק זיין נישט זיין קיין ערבוביא מיט אינו מינו, האט דער שר העולם מתפלל געווען, ׳יהי כבוד ה׳ לעולם׳, דער כבוד השם וואס קומט יעצט ארויס פון די דשאים, דאס זאל זיין לעולם אויף שטענדיג, הלוואי זאל בלייבן פון דעם א לימוד אויף די דורות שפעטער, מענטשן זאלן זיך אראפלערנען פון זייער הנהגה, דעמאלטס וועט זיין ׳ישמח ה׳ במעשיו׳, וועט נישט דארפן זיין ויתעצב אל לבו פון א דור המבול, נאר דער אייבערשטער וועט ממשיך זיין, זיין שמחה פון די בריאה אויף שפעטער אויך, ער וועט נישט דארפן חרוב מאכן די וועלט.

## ריבוי הטעכנעלאגיע נתרבה הערבוביא עם בני אדם שונים

**אמאליגע** צייטן איז די השפעה וואס א מענטש האט געהאט פון אנדערע צו פאלן אין יודישקייט, געווען זייער באגרעניצט. נאר ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון די טיר פון זיין שטוב, און ער האט זיך אנגעהויבן צו באגעגענען מיט אנדערע מענטשן, ער האט אנגעהויבן צו רעדן מיט זיי, און ער האט אנגעהויבן צו האבן א שייכות מיט זיי, נאר דעמאלטס האט ער געקענט פאלן פון וואס ער איז געווען, אבער נישט ווען ער איז געווען כלוא בביתו. און אפילו דעמאלטס הרבה חברותא עושה, האט חברותא אסאך אויפגעטוען, עס האט געקענט אראפברענגען א מענטש פון זיין ערליכן מצב — דאס איז געווען אמאל.

**היינט**, וואס טעכנעלאגיע איז אזוי צושפרייט געווארן, די ערבוביא וואס איז דא צווישן איינעם מיט אנדערע מענטשן, איז נתרבה געווארן אסאך מער וויפיל א מענטש האט אמאל געקענט צוקומען פערזענליך צו רעדן צו א צווייטן. מען דארף היינט נישט ארויסגיין אויף די גאס כדי צו רעדן צו א צווייטן, און זיך צו באגעגענען און צו זעהן און צו הערן וואס עס איז נישט גוט. **מען קען זיצן היינט, א מענטש אליין ביי זיך אין שטוב, און ער קען זיין צוגעבינדן מיט הונדערטער מענטשן צוזאמען**

**אין די גאנצע וועלט. ער קען זעהן און ער קען הערן יעדע מינוט פונעם טאג, פיר און צוואנציג שעה, וואס יעדער קל אויף די וועלט לייגט ארויף אויף זיין סייט, ער קען צוקומען דערצו און דאס הערן שטענדיג. ער קען זעהן מראות אסורות, ער קען הערן ניבול פה, ער קען הערן לשון הרע שטענדיג, ער קען הערן זלזול אין גדולי ישראל, ער קען הערן ווערטער וואס טוען אפקילען פון אלעם וואס עס איז הייליג צו אונז, און זיצן ביי זיך אין שטוב, מיט קיינעם זיך נישט טרעפן.** אין אנהייב טוט אים ווייי וואס ער הערט, וואס ער זעהט, אבער מען געוואוינט זיך זייער שנעל צו דערצו. שפעטער ווערט מען צוגעוואוינט, עס מאכט שוין נישט קיין רושם אויף אים, און מען ווערט אפגעקילט פון יודישקייט.

**כולי עלמא מודה, אז אמאליגע צייטן, מען האט געזעהן א זאך וואס מען האט נישט געדארפט צו זעהן, האט עס געגעבן א טרייסל דעם מענטש, היינט עס קומט אים ארויף אויף זיין מאשינדל, עס שאקלט אים שוין נישט!** אז ער וועט זיין ערליך, וועט ער עס אוועקריקן, אבער עס זאל אים געבן א ציטער, "וואס האב איך דא געזעהן", עס ציטערט שוין נישט. ווייל א מענטש ווערט צוגעוואוינט, ער ווערט מושפע, און א זאך וואס מען זעהט איינמאל, און צוויי מאל, און דריי מאל, פאלט מען נאכדעם אדורך.

## בגנות פירסום לרבים דברים הפרטיים שלו

**אלע מענטש'ליכע גדרים וואס איז געווען אין די וועלט זענען צעבראכן געווארן! מענטשן זענען מפרסם ברבים, פערזענליכע זאכן אויף זייער מאשינדל. די צניעות, באשיידנהייט, וואס איז אמאל געווען די העכסטע מעלה וואס יודן האבן געהאט, איז אוועקגענומען געווארן.** בלעם, בשעת ער האט זיך אויפגעהויבן די אויגן צו קוקן וויאזוי יודישע קינדער פירן זיך, וישא בלעם את עיניו, ער האט אויפגעהויבן די אויגן, וירא את ישראל שוכן לשבטיו, ער האט געזעהן אז יעדער יוד וואוינט פאר זיך עקסטער, ותהי עליו רוח אלקים, פון גרויס קדושה איז חל געווארן אויף אים א רוח אלקים, ווי רש"י זאגט, ער האט געזעהן כל שבט ושבט שוכן לעצמו, ראה שאין פתחיהן מכוונים זה כנגד זה, א מענטש קוקט נישט אריין וואס טוט זיך ביי יענעם אין שטוב, שלא יציץ לתוך אוהל חבירו, ער זאל נישט אריינקוקן אין יענעמ'ס שטוב, ותהי עליו רוח אלקים, איז געקומען אויף אים א רוח אלקים, ועלה בלבו שלא יקללם, ער האט נישט געקענט ארויסזאגן א קללה פונעם מויל ווען ער האט געזעהן די הנהגה פון יודן. דער שונא ישראל וואס ער האט געוואלט מכלה זיין גאנץ כלל ישראל, ווען ער האט געזעהן וויאזוי יודישע שטיבער זעהן אויס, עלה בלבו שלא יקלל, איך קען זיי נישט שעלטן.

**אלץ איז געווען, אז פערזענליכע זאכן פון א מענטש איז געווען פרטי ביי אים אין שטוב. א שטוב פון א מענטש איז נישט געמאכט געווארן עס זאל זיין א פירסום, אז יעדער זאל אריינקוקן וואס טוט זיך ביי אים אינדערהיים.** ארטיסטן וואס פירן זיך ווי בהמות, זיי האבן נישט קיין דעק אויף זייערע פענסטערס. אבער ביי יודישע קינדער, אפילו אוכל בשוק, עסן אויף די גאס, הרי זה דומה לכלב, זאגט די גמרא. עס איז א פערזענליכע זאך, עסן, דאס טוט מען נישט אויף דער גאס, מען איז דומה צו א הונט ווען איינער עסט אויף דער גאס. ופסול לעדות, א בפירוש'ע גמרא (קידושין מ:), מען טאר אים נישט מצרף זיין צו קיין עדות, ער איז פסול פאר עדות, בית דין וועט נישט אננעמען זיין עדות, ווייל ער איז געווען א אוכל בשוק. — דאס איז אויף אן אוכל בשוק. **מכל שכן ווי מאוס איז ווען א מענטש איז מפרט, געט ארויס, זיינע פריוואטע זאכן ווערן ארויסגעלייגט אז יעדער זאל קענען אריינקוקן אין זיין סייט און זעהן דארטן וואס ער טוט, און וויאזוי ער פירט זיך, און ווי ער גייט און ווי ער שטייט!**

**מען** איז היינט צוגעקומען צו א מצב, **אז מען פארשטייט שוין אפילו נישט וואס איז די עוולה צו עסן אויף די גאס. וואס איז די עוולה צו טרינקן א קאווע ווען ער שפאצירט אויף לי עוו.? וואס איז די עוולה דערין? — א זאך וואס ביי אונזערע חכמים איז נישט געווען גערעכענט פאר קיין מענטש איינער וואס האט אזוי געטוען!** נישט נאר ער איז נישט געווען גערעכענט פאר קיין מענטש, ניטאמאל ווי א בהמה האט מען אים מדמה געווען, נאר ווי א כלב, און מען האט אים גע'פסל'ט צו עדות ווייל דו ביסט נישט בגדר אנושי, דו ביסט נישט קיין מענטש, און מען קען נישט אננעמען וואס דו זאגסט. איז געווארן היינט א זאך וואס איז נפרץ

געווארן לרבים, מען לייגט זיך ארויף זיינע פריוואטע זאכן, און יעדער קען אריינקוקן וויאזוי ער פירט זיך.

## שלא יציץ לתוך אהל חבירו

**איך** האב געזעהן אמאל שטיין, אז דער לשון פון רש״י איז, ער האט געזעהן שאין פתחיהן מכוונים, אז די טירן זענען נישט מכוון איינס קעגן דאס אנדערע, 'שלא יציץ לתוך אהל חבירו', ער זאל נישט אריינקוקן אין יענעמ'ס שטוב. חז״ל זאגן נישט אז מען האט אויסגעשטעלט די טירן עס זאל נישט זיין מכוון איינס אקעגן דאס אנדערע, אז 'יענער' זאל נישט אריינקוקן צו מיר, נישט דאס שטייט אין חז״ל, נאר שלא יציץ הוא לאוהל של חבירו, 'ער' זאל נישט אריינקוקן צו יענעם. די צניעות און באשיידענהייט איז געווען אזוי גרויס, אז מען האט נישט געוואלט זיין נייגעריג וואס טוט זיך ביי יענעם אין שטוב. איך וויל נישט וויסן און זעהן די פרטיות'דיגע זאכן וואס טוט זיך אפ ביי יענעם אינדערהיים. שלא 'יציץ', ער זאל נישט אריינקוקן, באוהל של חבירו, אין יענעמ'ס שטוב אריין.

## השפעת כל מיני סאושע״ל מידי״א לחיות חיי הפקר

**עס איז געווארן היינט די סאשעל מידיע, וואטס-עפ, פראפיילס, סטאטוס [נישט אלע ווערטער קען איך וויאזוי מען רופט עס], וואס אלעס איז הפקר, אלעס ווערט ארויפגעלייגט פאר יעדן איינעם אריינצוקוקן אלע פרטי פרטיות פון יעדן איינעם, ווי ער גייט און ווי ער שטייט און ווי ער פירט זיך - און יראת שמים שעפט מען נישט דערפון!**

**און דער סוף איז ביטער! מען ווערט נשפע פון אלעם וואס מען זעהט און פון וואס מען הערט. מען געוואוינט זיך צו א הפקר'דיגן לעבן. וואוינען מיט יענעם אין יענעמ'ס שטוב, מיטלעבן יענעמ'ס הנהגות, וויסן אלע פרטיות'דיגע זאכן פון א צווייטנס שטוב, וואס רובם דערפון איז זייער ווייט פון יראת שמים! וברבות הימים וועט ער זיך געפינען, ער איז א ליידיגער מענטש, אן א זיק פון יראת שמים!**

## פרסום תמונות פרטיים מאחרים

**עס** איז פארלוירן געווארן די מענטש'ליכקייט, מיט'ן באנוצען זיך מיט די כלים. עס איז געווארן זייער גרינג אפצונעמען בילדער פון א צווייטן. איין דרוק, מען דארף זיך נישט לערנען דערויף, קליינע קינדער קענען שוין. מען זעהט אסאך מאל אפילו עלטערע יודן מיט ווייסע בערד, עס פאסט אפילו נישט, ער קומט אין ביהמ״ד און שטייט און ער נעמט א בילד פון א ברית, אדער א חתונה וכדומה, ניטאמאל קיין בושה איז דא זיך אראפצושטעלן און נעמען א בילד. זיצט זיך איינער אין א ווינקל און ער איז עוסק אין זיינע פרטיות'דיגע ענינים, קומט דער חבר און מאכט א בילד, ער נעמט עס און שיקט עס ארום פאר'ן חבר, דער חבר פאר'ן צווייטן חבר - און יעדער ווייסט פונקטליך ווי דער איז געזעסן, און וואס ער האט געטוען, וויאזוי ער האט אויסגעזעהן.

**כל** שכן אז עס געלונגט אים צו נעמען א בילד ווען יענער שטייט פונקט-נישט אין אזא גוטע פאזיציע ווי עס פאסט ער זאל זיצן, איז דאס בילד אסאך חשוב'ער, און דאס וועט ארום פארן פון איינעם צום צווייטן ביז דער בילד וועט אנקומען אין די האלבע וועלט. **ער רעכענט זיך נישט מיטן בזיון וואס דו טוסט פאר יענעם. דו נעמסט יענעמ'ס פריוואטן לעבן און דו ביסט אים מפרסם אויף די גאנצע וועלט**, שיקסט אים ארום פון איינעם צום אנדערן. דעם בזיון וואס אסאך מאל האט א מענטש פון דעם בילד, וואס ער וואלט נישט געוואלט אז מען זאל אים זעהן זיצן אזוי ווי ער איז. מען מאכט אים פאר א שיחה בפי הבריות, יעדער זאל קענען זאגן א מיינונג אויף אים.

**וואו איז לשון הרע, און ווי צו טוען א צווייטן יוד. לשון הרע איז נישט נאר דוקא מיט רעדן, אז מען שיקט עס מיט א בילד, איז עס אויך לשון הרע. וואס טוט זיך מיט מלבין פני חבירו, פארשעמען יענעם. ווער האט מתיר געווען צוצונעמען יענעמ'ס פריוואטן לעבן און דאס ארויסלייגן אויף א רשות הרבים?! מען האט צוגענומען דעם שבכל פונעם מענטש! די גאנצע מענטש'ליכקייט וואס א יוד דארף צו האבן!**

**איך** האב שוין פארציילט, אז איך בין אמאל געווען אין עיר-פארט, געפארן ערגעץ, און מיט'ן זעה איך א יוד שטייט אקעגן איבער, ער נעמט פון מיר א פיקטשער. האב איך אים צוגערופן, איך האב אים גזאגט, איך פארשטיי

אז דעם בילד דארפסטו נישט האבן פאר דיר, ווייל דו קענסט מיר גאנץ גוט פון דא אויך, דו נעמסט נאר דעם בילד כדי דו זאלסט עס קענען שיקן יעצט פאר דיין חבר, און ביז א פאָר מינוט וועט די האלבע שטאט וויסן אז איך בין געווען אויפן עיר-פארט און איך פאָר דארט און דארט. אפשר פאָר איך יעצט פאר א וויכטיגע זאך, פאר א דבר סתר וואס איך וויל נישט אז מענטשן זאלן וויסן דערפון? אפשר וויל איך נישט אז מיין קהלה זאל וויסן אז איך בין אוועקגעפארן אז איך בין נישט אינדערהיים? וואס פארא היתר נעמסטו מיך צוצולייגן און ארום שיקן אין די האלבע וועלט ווי איך געפין זיך יעצט? דאס איז מענטשהייט?! דאס איז נארמאלקייט?! האב איך אים געזאגט, דו וואלסט געווען געוואלט אז מען זאל שיקן פון דיר א בילד פון אלע פלעצער ווי דו דרייסט זיך? וואלסט דאך נישט געוואלט. פארוואס טוסטו אזא זאך, נעמען א בילד פון א צווייטן און עס ארום שיקן ערגעץ אנדערש? - מען ווערט צוגעוואוינט, דער חבר טוט אזוי, דער צווייטער טוט אזוי, און א מענטש ווערט מושפע בדיעותיו פון דעם וואס ער זעהט ביי אנדערע.

## הסמארטפון מיוחד רק לצורך פרנסה, ולהשתמש בסעלפון פשוט לשאר עניניו

**אז** מען דארף האבן א סמארט-פאון פאר פרנסה, דארף ער האבן עקסטער א כשר'ן טעלעפאן פאר זיך וואס מיט דעם זאל ער זיך באנוצן פאר אלע זיינע צרכים טאג טעגליך. א סמארט-פאון [אפילו דער וואס דארף עס האבן] איז נאר געמאכט געווארן, ווען ער האט א צורך זאל ער עס אפירנעמען און טוען וואס ער דארף מיט דעם טוען. און כל שכן אין א שטוב וויא עס איז דא קינדער. זיך באנוצן דערמיט אין שטוב אקעגן זיי, איז ער מכשיר די כלי פאר זיינע קינדער, אז דאס איז א כשר'ע זאך און מען קען עס נוצן. ער געוואוינט זיי דערצו, אז ווען זיי וועלן עלטער ווערן זאלן זיי אויך אזוי טוען. און מען ווייסט אז יונגערהייט איז אזא כלי ממש אבדון נפשם!! מען פארלירט א קינד! מען איז מאבד יענעם'ס נפש! וויפיל געלט, וויפיל טרערן, לייגן אריין עלטערן צו זעהן נחת דקדושה ביי זייערע קינדער, און צום סוף טוען זיי בידים פעולות ארויסצורייסן פון זיי די ביסל יראת שמים וואס מען האט שוין יא. א קינד וואס ווערט נתחנך אין אזא שטוב, איך זאג זיי צו, 'איין טאג' נאכדעם וואס דער קינד גייט ארויס פון טאטענס שטוב וועט דאס קינד האבן א סמארט-פאון, איין טאג שפעטער - און נוצן דאס דארט וויא דער טאטע וויל נישט ער זאל עס נוצן! און דעמאלטס וועט דער טאטע עסן די פירות פון זיינע מעשים, אבער עס וועט שוין זיין צו שפעט, און ער וועט זיך רייסן די האר פונעם קאפ, "וואס האב איך געטוען"?

## השימוש בסמארטפון בפרהסיא ובמקום רבים

**פארוואס** דארף דאס זיין א כלי פאר א רשות הרבים, עס איז א בור ברשות הרבים! דו דארפסט עס האבן, נוץ עס פריוואט, ביי דיר בחדרי חדרים, ביי דיר אין די ביזנעס, וואו דו דארפסט עס האבן לצורך באנוץ זיך דערמיט, דאס דארף נישט זיין דיין עמטליכע טעלעפאון מיט וואס דו באנוצט זיך דעם גאנצן טאג, ווען יעדער ווייסט וויא מען קען צוקומען דערצו. **דאס איז נישט געמאכט געווארן אז מען זאל עס נוצן ברבים, און על אחת כמה וכמה אין א בית המדרש אין א בית ה', א מקום וואס איז מוקדש פאר תורה און תפלה. "איינער נוצט אזא כלי בפרהסיא, יתכן אז ער איז בגדר א מחטיא את הרבים"!! וואס א מחטיא את הרבים ווייסן מיר, אין מספיקין בידו לעשות תשובה. ער קילט אפ אין די אויגן פון צענדליגער מענטשן, אז עס איז נישט געפערליך. און ווי מער ער איז א בן תורה און ער איז א איידעלער, טוט ער נאך מער אפקילען עס ביי א צווייטן. ער זעהט מיין חסידישער חבר באנוצט זיך דערמיט, איז עס גארנישט קיין עוולה, ער האט עס אויך, און הקולר תלוי בו, ער איז שולדיג אויף די פירצה וואס קומט ארויס, און וועט אפגעבן דין וחשבון אויף יעדן איינעם וואס איז נכשל געווארן דורך אים, ער האט אפגעקילט אין יענעם'ס אויגן די עוולה דערפון.**

## המטייל ברבים עם סמארטפון הוא כמכריז על מהותו

**ווען א מענטש דרייט זיך ארום אפענערהייט צווישן הונדערטער מענטשן מיט א סמארט-פאון אין די הענט, אסאך מאל איז דאס כאילו דער מענטש רופט אויס און ער זאגט: "עטץ זאלטס וויסן, איך וועל ענק זאגן ווער איך בין, איך בין נישט פון די פרומע, איך בין פון די פארגעשריטענע וואס ווערן נישט אפגעבריט פון קוקן אויף א סמארט-פאון און זיי האבן מורא אז זיי וועלן**

**נתקרב ווערן לדרכי העולם. די רבנים וואס רעדן דערויף, זענען אלט פארצייטישע פונעם פריער'דיגן דור וואס פארשטייען נישט קיין סך, אבער נישט געפערליך, מען קען גיין דערמיט"! - אונטער דעם ליגט אויך א שטיק גיאות, וואס ער רופט אויס מיט זיין שטאלצקייט: "איך ווייס וואס איך האב צו טוען, קיינער זאל מיר נישט איינטיילן, מען זאל מיר נישט מסדר זיין וואס איך האב צו טוען און וואס נישט, איך ווייס אליינס וואס איך האב צו טוהן, איך רעכן זיך נישט מיט קיין דעת תורה, לאזט מיך צורוה, איך טו וואס איך דארף און וויל טוען" - און אזוי גייט ער ווייטער.**

**מען** האט געגומען די וועגן פון די גוים, מיט זייערע פירונגען, און עס קומט צוביסלעך אריין מער און מער אין די יודישע שטיבער. מען איז זיך נאר מתבונן וויאזוי מען זאל עס קענען אביסל כשר'ן, וויאזוי מען זאל האבן עפעס א תירוץ דערויף, עס זאל נישט אויסקוקן אזוי טריפה די זאך, עס זאל נאך האבן עפעס א מאנטל אויף זיך.

**מען** פארגעסט, והייתם לי קדושים כי קדוש אני ה' (ויקרא כ-כו), דער אייבערשטער בעט פון אונז קדושה, ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי, עטץ זאלטס אפגעטיילט זיין פון די פעלקער, זיין צו מיר, אם אתם מובדלים הרי אתם שלי, ואם לאו הרי אתם של נבוכדנצר וחביריו.

## האדם נעשה ברבות הימים מקושר לכלים אלו

**ברבות** הימים, אז מען געוואוינט זיך דערצו, ווערט מען צוגעבינדן דערצו [אויף ענגליש רופט מען "עדיקטעד"] מיט אן אויסערגעווענליכן צוגעבינדנקייט, וואס אפילו גוים, וואס זייער קאפ איז נישט אין תורה, שרייען היינט און זאגן, אז דאס פירט אראפ מענטשן, דאס וואס מען איז היינט אזוי עדיקטעד צו די כלים. און מען דארף נישט קיין עדות דערצו, אונז זעה מיר עס מיט די אייגענע אויגן, אז די וואס זענען צוגעוואוינט דערצו, זאל מען קוקן אויף זיי א האלבע שעה וועט מען זעהן אז עס קען נישט אדורכגיין קיין פינף מינוט וואס מען זאל נישט קוקן צו שטייט עפעס א מעסידזש דערויף. און פינף מינוט שפעטער נאכאמאל עס ארויסנעמען, ער קען זיך נישט צוריקהאלטן פון צו קוקן אויף א נייעס וואס איז אריינגעקומען אין דערמיט.

**און** אז מען גלייבט נישט, זאל ער עס פריוועון ביי זיך אליין. זאל ער פרובירן איין טאג ער זאל עס נישט נעמען אין דער האנט, אפילו א האלבן טאג זאל ער עס נישט נעמען אין דער האנט, וועט ער זעהן ער וועט זיין אויס מענטש, ער וועט עס נישט סובל זיין, ווייל ער איז צוגעבינדן געווארן דערצו. **עס קומט שבת, עס קומט א יום טוב, און אז עס קומט צוויי טאג יו"ט, עס קומט דריי טאג יו"ט, וואס ער קען עס נישט נוצן, איז ער דעפרעסט! ער טרעפט זיך נישט זיין פלאץ אין שטוב, ווייל ער איז אזוי צוגעבינדען געווארן דערצו. און דער שבת וואס דארף זיין א יום מנוחה און א יום עונג, ווערט ביי אים א פארזויערטער טאג, ווייל ער ווערט אפגעהאקט פון איבערשל.**

## בריבוי ההשתמשות בהם נתמעט הקשר בינו לבני ביתו

**וואס** זענען די תוצאות דערפון? אז ווען ער קומט אריין צו זיך אינדערהיים, ער געפינט זיך טאקע אין שטוב, אבער זיין קאפ איז נישט דארטן, זיין קאפ איז נישט אינדערהיים, זיין קאפ ליגט ערגעץ אנדערש. אתה הבדלת אנוש מראש, עס איז אפגעשיידט געווארן דער מענטש פון זיין קאפ. **ער האט נישט קיין אויער צו הערן וואס זיין ווייב האט צו זאגן; וואס די קינדער האבן צו זאגן; זיין ווייב געפינט זיך ווי א לעבעדיגע אלמנה אינדערהיים; די קינדער געפינען זיך ווי יתומים בחיי אביהם; דאס קינד שפירט נישט די ליבשאפט פון א טאטען, דער טאטע האט נישט קיין געדולד צו מיר, דער טאטע האט וויכטיגערע זאכן ווי זיין קינד, ער איז פארנומען אלץ מיט עפעס אנדערש.**

**אין היינטיגע צייטן ווען די נסיונות פון יונגע קינדער זענען אזוי גרויס און אזוי שווער, טאג טאג פאלן אוועק אידישע נשמות לטמיון, נישטא קיין זאך וואס האלט היינט א קינד צו ערליכקייט און צו יודישקייט, ווי די ליבשאפט וואס ער האט צו זיין שטוב. ווען ער האט עלטערן וואס ער האט ליב, און פילט א נאנטקייט צו זיי, וועט ער קיינמאל נישט טוען א זאך וואס וועט זיי וויי-טוען. אבער אז עס איז אפגעהאקט די ליבשאפט, דער טאטע האט עס קיינמאל נישט ארויסגעוויזן פאר דעם קינד, ער האט עס קיינמאל אים נישט געגעבן, ווען דאס פעלט, איז כאילו מען נעמט דעם קינד און מען איז**

**אים מפקיר! - און נאכדעם ווען עס פאסירט עפעס מיט דעם קינד, שרייט ער און ער וויינט, אז די קינדער רעכענען זיך גארנישט מיט אים, און זיי האבן נישט קיין געפילען פון אהבה וואס קינדער דארפן האבן צו טאטען. - וואו איז געווען דיין אהבה צו דיין קינד?! וויפיל ליבשאפט האסטו אים געגעבן?! דו ביסט געווען פארנומען אלץ מיט עפעס אנדערש, נאר נישט מיט דיינע קינדער. שפעטער טוט דיר וויי אז דאס קינד האט דיך נישט ליב, דער קינד רעכענט זיך נישט מיט דיר, דו האסט זיך אויך נישט גערעכנט מיט דיין קינד.**

**אפילו** די וואס דארפן האבן די כלים לצורך פרנסתם, דארף עס זיין מוגבל, באגרעניצט נאר צו דעם. עס דארף נישט אריינקומען אין א אידישע שטוב. אז ער דארף עס האבן זאל ער עס האלטן אין זיין קאר, און ווען ער וועט האבן צייט וועט ער קוקן וואס ער דארף צו ערלעדיגן. א **מענטש דארף האבן פאר זיך א פשוטן טעלעפאן, מסדר צו זיין אלע זיינע פריוואטע זאכן וואס ער דארף צו האבן. און ווען מען מאכט חתונה קינדער, אזוי ווי מען געט אויס געלט פאר א חתונה, מען שטאפירט אויס א קינד, זאל ער שטאפירן דאס קינד מיט א כשר'ן טעלעפאון. אים געבן אויסגעצאלט פאר א יאר צוויי, אז דאס קינד זאל נישט האבן קיין תירוץ צו קויפן א סמארט-פאון. האסט באקומען א געהעריגן אימזינסטיגע טעלעפאון דו זאלסט דאס נוצן.**

**אז** מען קומט אריין אין שטוב, דארף זיין די שעה אוועקגעגעבן פאר די קינדער. אונטערהאלטן זיך מיט די קינדער מיט די אייניקלעך. זיך מתקשר זיין מיט א געוואלדיגע ליבשאפט מיט זיי. דעמאלטס קען מען האלטן א שטוב אז עס זאל בלייבן ערליך.

**אז דער מאן טוט עס נישט, ליגט א פליכט אויף די עקרת הבית, שטערן דעם מאן פון אריינברענגען אזא כלי אינעם שטוב, און זאגן פאר אים: "דו טוסט פארדארבן דעם חינוך וואס איך גיב פאר די קינדער, וואס איך פלאג מיך פאר דיינע קינדער, און דו ביסט נישט בארעכטיגט צו טוען אזא זאך קאליע צו מאכן מיין ארבעט וואס איך לייג אריין אין די שטוב"!**

## אלפים מישראל יצאו לתרבות רעה על ידי כלים הללו

**דאס** איז אלעס אפילו ווען די כלים האבן טאקע אן אמת'דיגן פילטער, און עס איז משומר וואס מען קען נישט אריינקומען דערין אין פלעצער ווי מען דארף נישט. איז נאך אלץ געבליבן די פראבלעם וואס מיר האבן פריער גערעדט, די עצם צוזאם-ענקופט וואס די כלים ברענגט צוזאם מען זאל זיין פארנומען מיט די גאנצע וועלט, דאס איז א זאך וואס באלאנגט נישט פאר א יוד וואס וויל זיך פירן על דרכי התורה. אבער די וואס האבן א שוואכן פילטער דערויף, צי אינגאנצן נישט, זיי ווייסן דאך דעם אמת, סוף כל סוף מיר זענען נישט קיין מלאכים. יצר לב האדם רע מנעוריו, דער יצר פונעם מענטש איז זייער שווער, יעדער האט שוואכע צייטן אין זיין לעבן וואס ער איז נישט מסוגל דעמאלטס זיך מתגבר זיין אויף זיין יצר. פירצה קורא לגנב, אז מען האט אזא כלי אין שטוב און מען קען צוקומען דערצו שטענדיג, ווערט מען נכשל, מען פאלט אדורך. **א נפילה פאר א פאַר מינוט, קען א מענטש מטומטם ווערן זיין קאפ און זיין הארץ, וואס ער וועט זיך דארפן פלאגן א לאנגע צייט שפעטער, פון די פאַר מינוט וואס ער איז אדורכגעפאלן. עס טוט אויסלעשן די זיק פון קדושה וואס א יוד האט אין זיך.**

**די** גמרא (קידושין פא.) פארציילט, רב עמרם חסידא [ער איז נישט געווען קיין געווענליכן אמורא, מען האט אים גערופן 'חסידא' צו ווייזן זיין גרויסקייט], ער האט געהאט א נסיון, און ער האט געמוזט שרייען נורא בי עמרם, עס ברענט א פייער מען זאל אים קומען מציל זיין. חז"ל דערציילן אונז נישט קיין לשון הרע, נאר ווילן אונז לערנען, אל תאמין בעצמך עד יום מותך, גלייב נישט אז דו וועסט האבן כח זיך מתגבר צו זיין! אן אמורא וואס איז מופלג געווען בחסידות, קען אויך צוקומען צו א נסיון, מה יאמרו אזובי קיר, וואס קענען מיר זאגן, מיר פאלן דאך אדורך, ביי יעדע קליינינגקייט וואס מען האט קען מען זיך נישט האלטן. **וויפיל טויזענטער יודישע קינדער זענען יצא לתרבות רעה דורך די כלים. עס מיינט נישט מיך! נישט מיינע קינדער! נאר יענעמס. ביי מיר וועט עס נישט שאטן! — תלמידי חכמים וואס זענען געווען בקי אין ש"ס זענען**

**געווארן שקצים! דורך די כלים. זיי זענען ארויסגעגאנגען לתרבות רעה דורך דעם! א מענטש איז א מענטש! און ווען ער קען זיך נישט האלטן, פאלט ער אדורך! וויפיל הונדערטער שטיבער זענען צוגרינד געגאנגען דורך די כלים — און עס גייט אריין אין טויבע אויערן... מען מיינט נישט מיך... אלץ מיינט מען נאר יענעם..., ביי יענעם וועט עס פאסירן, ביי מיר וועט עס נישט פאסירן...**

## אשרי חלקם העומדים בתוקפם שלא להתגרר בזה אחר ההמון

**איך** רעד נישט צו די וואס זענען עדיקטעט דערצו, ווי מען האט פריער גערעדט, פון זיי מסתם געפינט זיך נישט קיינער דא אין בית המדרש, זיי זענען שוין לאנג נישט אינטערעסירט צו הערן אזעלכע דרשות וואס מען רעדט פון אזעלכע ענינים. **איך רעד צו די יונגעלייט וואס האבן נאך נישט טועם געווען טעם חטא, זיי האבן נאך נישט קיין קשר מיט די וועלט, זיי שטייען בתוקף נישט נגרר צו ווערן מיטן המון עם. אשריכם מה טוב חלקיכם! עטץ זאלטס וויסן ווי גליקליך עטץ זענטס. חזקו ואמצו לבבכם, שטארקטס ענק, און האלטס אָן ביי דעם וואס מען האלט אָן! זייטס ממשיך ענקער וועג אויף ווייטער! עטץ ווייסט נישט צו שעצן אין וואספארא הייליגע מדריגה עטץ געפינטס זיך אין ווי איר שטייט! אפגעהיטן, ערליך, און ערליכע שיינע יודישע שטוב, קינדער וואס זענען ממשיך שפעטער זרע קודש וואס גייען בדרך ישראל סבא. עס איז טאקע ראשיתך מצער אבער אחריתך ישגה מאוד, וסוף הכבוד לבוא, דער סוף וועט זיין אז מען וועט מצליח זיין.**

## חשיבות הזמן, וחבל לבזבזו לבטלה

**מען** דארף זיך מתבונן זיין, וויפיל שעות א וואך גייט אוועק וואס מען פארלירט צייט, ווען מען איז פארבינדן מיט די כלים. טעג וואס מען האט געקענט קונה זיין עולמות של תורה, וועלטן פון תורה, וויפיל מסכתות וואלט מען געקענט אדורכלערנען אין די צייט וואס מען געט אוועק פאר נייעס און פאר הבלי עולם הזה, צו וויסן וואס טוט זיך ביי ראובן שמעון לוי. מיר דארפן מחשיב זיין די צייט וואס אונז האבן מיר, און עס נישט מבזבז זיין אומזיסט. יעדע רגע וואס א יוד לעבט איז א מתנה טובה וואס ער באקומט פונעם אייבערשטן. צייט איז די טייערסטע זאך וואס עס געפינט זיך אויף די וועלט — און עס איז פון די ביליגסטע צו באקומען, עס איז אומזיסט, מען דארף זיך נישט פלאגן דערויף. **יעדע רגע וואס גייט אדורך, קען מען נישט צוריק ברענגען פאר כל הון דעלמא. ווען א מענטש נוצט אויס זיין צייט ווי עס דארף צו זיין, קען ער קונה זיין עולם הבא.** איינער פזר'ט זיין צייט במילי דעלמא, פארלירט ער זיין וועלט. אויף ענגליש איז דא א שפריך ווארט וואס מען זאגט [ווען איינער גייט בטל, זאגט מען] "ער הרג'עט זיין צייט". — און עס איז אן אמת, עס איז רציחה. ווען א מענטש הרג'עט דעם חבר, וואס האט ער געטוען, ער האט צוגענומען זיין צייט פונעם לעבן, דאס איז רציחה, ער האט אוועקגענומען זיין צייט פונעם לעבן. ווען א מענטש נעמט אוועק די אייגענע צייט און ער הרג'עט עס אוועק, הרג'ט ער זיין לעבן.

**מען** געפינט ביי אחשורוש, ויאמר המלך לחכמים יודעי העתים (אסתר א-יג), די גמרא (מגילה יב:) דרשנ'ט, חכמים גייט ארויף אויף די רבנן, ער האט גערופן נישט נאר זיינע שבעת שרי פרס ומדי, ער האט גערופן חכמי ישראל זאלן אים פסק'נען. ווייל ער רופט זיי אָן זיי זענען 'יודעי העתים', אז זיי ווייסן צו שעצן די צייט, איז א ראיה אז מען רעדט פון חכמים וואס זיי זענען רבנן, זיי זענען יודעי עתים, זיי ווייסן צו שעצן וואס צייט איז, און עס אויסנוצען ווי עס דארף צו זיין.

**תמצית** הדברים, א מענטש דארף האבן די סמארט-פאון, צי די כלים [וואס איך קען נישט אלע נעמען], און ער דארף זיך באנוצן דערמיט, זאל ער וויסן, **אז דאס איז געמאכט געווארן, נאר צו באנוצן אויף פרנסה און פאר פערזענליכע זאכן וואס ער דארף צוקומען דערצו. ער זאל זיין אפגעהאקט פון יעדען חיבור פון יעדע קאנעקשען וואס מען קען האבן בין אדם לחבירו, צווישן אנדערע מענטשן. ער דארף נישט וויסן וואס עס טוט זיך אינעם'ס חבר'ס טאפ, און די חברים דארפן נישט וויסן וואס עס טוט זיך ביי אים אינדערהיים.** ער זאל געדענקען כי ביום השלישי יקימנו ונחיה לפניו, נאר ווען מען וועט זיך פירן אזוי ווי דער

יום השלישי, זיך מתבונן זיין ביי יעדע זאך וואס איז דער רצון פונעם אייבערשטן, דאס וועט ער משתדל זיין צו טוען, זיך נישט אויסמישן מיט יעדן איינעם, דעמאלטס וועט זיין, נדעה נרדפה לדעת את ה׳, וועלן מיר וויסן נאכצויאגן דעם אייבערשטן.

## מדת הצניעות אצל הנשים

**אז** מען האט גערעדט פון באשיידענהייט, פון צניעות, וואס איז נוגע ביי יעדן מענטש, איז כדאי מעורר צו זיין בנוגע די מדת הצניעות ביי די בני בית, ביי די נשים, וואס דער חיוב ליגט אויפן מאן, להיות כל איש שורר בביתו, דער מאן דארף פירן די שטוב, כל מי שיש בידו למחות ואינו מוחה נתפס על אנשי ביתו. רובא דרובא מענטשן האבן א וואָרט אין שטוב, און זיי האבן א כח צו פארלאנגען און צו מאָנען אין שטוב וויאזוי מען דארף זיך צופירן. דא איז נישט דער פלאץ אז מען זאל קענען אויסשמועסן זאכן בפרטיות, אבער בכלליות דארף מען וויסן, **אז מען קען נישט אראפלייגן קיין שולחן ערוך מפורש סעיף ביי סעיף אויף יעדע קלייד, און זאגן וואס ווערט אנגערופן א קלייד וואס איז צניעות, וואס ווערט אנגערופן א קלייד וואס איז פריצות, און וועלכע קלייד איז אזוי אינדערמיט, מען קען עס נישט אנרופן צניעות און מען קען עס נישט אנרופן קיין פריצות. יעדער ווייסט אבער, תוך תוכו ביי זיך ווייסט ער אויף יעדע קלייד וואס איז דא אינעם שטוב אין וועלכען גדר עס איז. יעדער ווייסט ביי זיך דעם אמת וואסערע סארט קליידער מען טראגט אין שטוב.**

**יעדער** ווייסט אז א קורץ קלייד, א שמאל קלייד, איז א בגד פון פריצות. אבער עס איז דא אויך בגדים וואס דער פארב איז א פארב פון פריצות, די וועג וויאזוי די מאדע איז, וויאזוי די קלייד איז אויסגעשניטן, איז א בגד של פריצות, על כל פנים זייער ווייט פון מדת הצניעות וואס עס גרעניצט זיך צו פריצות. דאס איז ביי א קלייד; דאס איז ביי שטרומפ; דאס איז ביי שיך; דאס איז ביי א דעק אויפן קאפ; און אויך אזוי ווען מען פארבט זיך; עס איז דא אין דעם אלע סארט מינים, וואס יעדער דארף וויסן דעם אמת, וויאזוי מען פירט זיך ביי אים אינדערהיים.

## איסור לבישת שייטלין ארוכות

**לאנגע** שייטלען איז גע׳אסר׳ט געווארן פון אלע גדולי ישראל, פון יעדע סארט קרייז וואס איז דא ביי אידן, אשכנזים, חסידים, ליטווישע, ספרדים. **אלע גדולי ישראל האבן אונטערגעשריבן אז א אידישע טאכטער וועלכע גייט מיט א לאנגע שייטל איז דאס פריצות!** און אז מען ווייסט נישט וואס א ״לאנג שייטל״ מיינט, וועל איך עס איבערטייטשן, א ״לאנג שייטל״ מיינט, א שייטל וואס גייט אראפ אויף די אקסלען, ווייטער פונעם האלדז, גייט עס אריין אין א גדר פון א ״לאנג שייטל״. כל שכן שייטלען וואס זענען געפלאכטן מיט לאָקן אדער צופלאָסן וכדומה, ווי עס איז געווארן א סטייל אז מען גייט, איז זייער ווייט פון צניעות.

## חשש עבודה זרה בשייטלין שבזמנינו

**איך** וויל נישט אריינגיין יעצט אין די עצם שייטלען, אבער איך וויל עס על כל פנים דערמאנען, רובם ככולם פון די שייטלעך היינט, קומען פון אינדיע. אפילו די וואס ווערן פארקויפט אז עס איז פון יוראפ, האט מען מברר געווען, אז רובא דרובא איז נישט פון יוראפ, נאר זיי קומען פון אינדיע. דארט שערן זיך מיליאנען מענטשן די האר פאר עבודה זרה, וואס אסאך גדולי ישראל האבן דן געווען דערויף, צי די האר האבן דעם דין פון תקרובת עבודה זרה, ווייל מען שערט זיך דאס פאר עבודה זרה. און אסאך גדולי ישראל וואס זענען אנגענומען ביי אונז, האבן גע׳פסק׳נט אז עס האט דעם דין פון תקרובת עבודה זרה, וואס מען טארנישט קיין הנאה האבן פון א זאך וואס מען האט געשניטן פאר עבודה זרה.

**אין** רמב״ם (ה׳ עבודה זרה ז-ב) שטייט, אז ווען איינער איז נהנה פון תקרובת עבודה זרה, שלאגט מען אים צוויי מאל מלקות, פאר יעדע הנאה וואס ער האט געהאט, אזוי שטייט אין רמב״ם, ולא תביא תועבה אל ביתך (דברים ז-כו), עס איז דא א לאו אז מען טארנישט אריינברענגען אין שטוב עבודה זרה און תקרובת עבודה זרה. ולא ידבק בידך מאומה מן החרם (שם יג-יח), איז א צווייטער לאו פון די תורה. דאס איז יעדעס מאל ווען מען טוט אָן די שייטל. אויב עס האט אין זיך תקרובת עבודה זרה, האט מען עובר געווען אויף צוויי לאוין מיט

יעדן מאל וואס מען האט אנגעטוען דעם בגד. תקרובת עבודה זרה ווערט נישט בטל, אפילו ווען אין דעם שייטל האט זיך נאר אויסגעמישט איין האר פון אינדיע וואס עס איז געמאכט געווארן פאר עבודה זרה, ווערט עס נישט בטל. תקרובת עבודה זרה האט נישט קיין ביטול. מען טאר עס נישט האלטן אין שטוב אזוויוי עבודה זרה.

**איך** גיי נישט יעצט אריין אין דעם צי עס איז ממש תקרובת עבודה זרה צי נישט, אבער יעדער איז מודה אז דאס ווערט געשניטן פאר עבודה זרה. **אין א שטוב וואס עס איז דא א סרך פון עבודה זרה, פארשטייט יעדער איינער אז עס איז נישטא קיין השראת השכינה. שכינה קען נישט רוהען מיט עבודה זרה צוזאמען. - עס איז מעגליך, דאס וואס מען הערט היינט אזויפיל וואס ווערן פארפאלן, קינדער גייען ארויס לתרבות רעה, האט צו טוען מיט דעם אז די שטיבער זענען מלאים פון אביזריהו דעבודה זרה.**

**ווער עס קען און ער איז אפגעהיטן פון א נדנוד איסור, דארף זעהן משפיע זיין אינעם שטוב, אז מען זאל גיין מיט "סינטעטישע שייטלעך", נישט פון קיין האר. מען קען גיין שיין געקליידעט, און מען קען זיין ארנטליך געקליידעט, און עס איז נישט געמאכט פון האר.** אפשר דארף מען עס פון צייט צו צייט מער טוישן, מען דארף האבן נייע דערפון, קאסט עס נאך אלץ ביליגער ווי א שייטל פון האר. — דאס איז ביי א געווענליך שייטל. **אבער לאנגע שייטלעך, צעפלאסענע שייטלעך, געפלאכטן גג על גג, דאס איז זיכער אז עס גייט אריין אין גדר פון ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך.**

## החיוב לעורר בבית שילבשו רק בגדים צנועות

**יעדער** ביי זיך אין שטוב דארף מעורר זיין אז מען זאל גיין נאר מיט קליידער וואס זענען בצניעות. אז מען קויפט א נייע קלייד, אז מען קויפט א נייע שייטל, זאל ער מדקדק זיין צי דאס איז צוגעפאסט פאר א יודישע שטוב. **ער זאל זיך נישט לאזן איינרעדן אז ער איז נישט בכח מוחה צו זיין, ער איז נישט בכח איר צו שטערן וויאזוי זי גייט אנגעטון. ווייל איך זאג ענק צו, אז איין נאכט זי וואלט נישט געמאכט קיין נאכטמאל, וואלט ער געוואוסט וואס פארא פנים צו ווייזן פאר איר, אז מער וואלט זי עס נישט געטוהן. ועל כל פנים ער זאל נישט מחזק זיין ידי עושי עולה, און נישט זאגן א קאמפלימענט אז דאס קלייד אדער די שייטל איז שיין. מען קען זיך אן עצה געבן, ווען עס טוט באמת וויי, ווען עס אַרט, געט מען זיך אן עצה וואס מען דארף צו טוען. עס טוט נאר נישט וויי! זי ווייסט אז מען זאגט עס נישט מיט'ן גאנצן הארץ, מען זאגט עס נאר לפנים! ווערן נישט די ווערטער אנגענומען. אבער אז מען זאגט עס אמת'דיג און מען האלט דערביי, אז מען וויל האבן אן ערליכע שטוב, איך וויל האבן א צניעות'דיגע שטוב, איך וויל אז די קינדער וואס ווערן געהאדעוועט אין די שטוב זאלן אויסוואקסן תלמידי חכמים און ערליכע יודן. די גמרא** (יומא מז.) **זאגט אז קמחית האט זוכה געווען וועגן צניעות, צו קינדער כהנים גדולים. אז מען ווייסט וויאזוי עס אראפצולייגן פאר די בני בית, אידישע קינדער זענען ישראל כשרות, און אז זי וועט וויסן אז עס טוט אים באמת וויי, וויל זי טוען דעם רצון פון איר מאן.**

## לפעמים אחר החתונה עוקרים כל גדרי הצניעות, וגם לרבות בבגדי יום החופה

**באמת** עס איז הפלא ופלא, מען ערציעט טעטער און זיי גייען אין די סקול'ס, און ווי אזוי מען פאדערט אין די סקול'ס אזוי גייט מען ביז די זיבצן אכצן יאר, מען גייט צאמגענומען די האר נארמאל, מען גייט נישט מיט קיין לאנגע האר, און מען לאזט נישט גיין מיט קיין צושטרויבלטע האר, עס איז צאמגענומען די האר. מען גייט מיט קליידער וואס זענען צניעות'דיג און גענוג לאנג - דאס איז אלץ מיידל. א טאג נאך די חתונה, זי איז געווארן אן אשת איש - וואס דעמאלטס הייבט זיך אָן דער עיקר חיוב פאר איר - ציברעכט מען די אלע גדרים וואס מען האט אריינגעלייגט אין די קינדער פארדעם! **און אסאך מאל טוען עס די מאמעס אליין. זיי שטאפירן די קינדער. זיי גייען ארויס און זיי קויפן, זיי קויפן מעיקרא א לאנג שייטל און א צעפלאסן שייטל, און א קלייד וואס פאסט נישט פאר א בת ישראל זאל עס אנטוען.**

**זייער** אסאך מאל, איך ווינדער זיך, א מאמע גייט קויפן א כלה קלייד פאר א כלה, זי הייבט אן א ניי לעבן, א טאג וואס מען פאסט, א טאג וואס מען איז מתפלל אויף דאס לעבן שפעטער, מען דעקט זיך צו דעם פנים ווען מען

גייט צו די חופה וועגן צניעות, לויט איין טעם, אזוי שטייט אין חתם סופר אין פרשת חיי שרה [מען קען עס נאכקוקן] אויף דעם פסוק ותקח הצעיף ותתכס, מען זוכט סגולות אז מען זאל האבן אן ערליך יודיש לעבן, **צום סוף קויפט מען א כלה קלייד מיט האלבע ערמיל, מיט פערטל ערמיל, למחצה ולשליש ולרביע — דאס איז די הכנה אויפצושטעלן א נייע יודישע שטוב?! דער פנים צוגעדעקט, וואס עס איז נישטא קיין איסור אויפן פנים עס זאל זיין אויפגעדעקט, און דארט ווי עס דארף זיין צוגעדעקט, דארטן גייט מען אויפגעדעקט! מען איז זיך נישט מתבונן וואס מען טוט.**

**אבער** אן ערליכער טאטע, אן ערליכער מאן, דארף פאדערן אין שטוב איך וויל האבן אן ערליכע שטוב און א הייליגע שטוב. איך וויל אז מיין שטוב זאל זיך פירן על דרך ישראל סבא.

*

## האי עלמא כבי הילולא דמיא

**איך** וועל ענדיגן מיט א מאמר אין די גמרא (עירובין נד.), שמואל האט געזאגט פאר רב יהודה, שיננא [אזוי האט ער אים גערופן, דו שארפער], 'חטוף ואכול חטוף ואישתי', כאפ אריין, עס, טרינק, ווייל 'דעלמא דאזלינן מיניה', די וועלט וואס מיר וועלן איבערלאזן, ווען מיר גייען אוועק פון די וועלט, איז 'כהלולא דמי', די וועלט איז אזוי ווי א חתונה. זאגט רש"י, 'היום יש לו ולמחר איננו', א חתונה איז אויך נישט אייביג, א חתונה איז איין נאכט און נאכדעם איז דערנאך. די וועלט וואס מיר זענען דא, איז אזויווי א חתונה וואס עס גייט פארביי. 'דומה לחופה שהולכת מהר', עס איז דומה צו א חופה, זאגט רש"י וואס גייט שנעל אדורך. האט אים שמואל געזאגט, כאפ אריין וואס דו קענסט פון די וועלט, עס און טרינק. אוודאי איז דער פשט נישט כפשוטו, עסן און טרינקן, דרכן של רשעים איז אזוי, זיי זאגן הרוג בקר ושחוט צאן אכול בשר ושתות יין כי מחר נמות (ישעיה כב-יג). אז שמואל האט אזוי געזאגט פאר רב יהודה'ן האט ער דאך געמיינט עפעס. פארוואס האט ער דאס מדמה געווען אזוי ווי א חתונה, חטוף ואכול חטוף ואישתי.

**מען** זעהט ביי א חתונה, מען לאדענט גוטע פריינד זאלן קומען צו די סעודה מען עסט און טרינקט, און מען טאנצט, מען איז זיך משמח, אבער א טאג שפעטער, ווען די חתונה איז אדורכגעגאנגען, איז נישט געבליבן פאר די געסט וואס זענען געקומען צו די חתונה, קיין שום זאך וואס זיי האבן עפעס קונה געווען פון דעם וואס זיי זענען געווען דארטן. קיין שום תועלת איז נישט געבליבן, ובמשך הזמן ווערט עס פארגעסן. דאס איז ביי די אלע משתתפים פון די חתונה. צוויי מענטשן זענען דא ביי די חתונה, וואס געפינען זיך דארט ביי די סעודה, וואס די חתונה מאכט אויף זיי א געוואלדיגן רושם וואס זייער גאנץ לעבן וועלן זיי דאס נישט פארגעסן, דאס איז דער חתן מיט די כלה. וואס ביי זיי איז די חתונה א זאך וואס פון דעם וועלן זיי האבן נוצן זייער גאנץ לעבן שפעטער.

**עס** איז משנה זייער גאנצער וועג וויאזוי זיי האבן געלעבט ביז יעצט. די תוצאות וואס קומען ארויס פון די חתונה איז ביי זיי נוגע, טאג נאך טאג אין זייער לעבן ביז די לעצטע מינוט, דאס וואס עס האט זיך געשאפן פון די חתונה וואס איז געווען. זייער פרנסה ווערט געטווישט פון וואס עס איז געווען, א דירה, א נייע משפחה, מגדל זיין קינדער, דער אייבערשטער העלפט נאכדעם אייניקלעך. - נאר זיי מיט זייערע עלטערן, זענען די וואס האבן א נצחיות'דיגן תועלת פון וואס עס איז אריבערגעגאנגען אויף די חתונה.

**האי** עלמא, זאגט די גמרא, די וועלט איז כבי הלולא דמי, איז דומה צו א חתונה. מענטשן קומען אראפ אויף די וועלט, און מען עסט און מען טרינקט, מען פריידט זיך, מען טאנצט, מען פארדינט געלט, מען איז לוסטיג, נאכדעם לאזט מען איבער די חתונה, מען שטארבט, מען ווערט באגראבן, 'כאשר יצא מבטן אמו ערום' (קהלת ה-יד), אזוי ווי מען איז געקומען אויף די וועלט, 'ישוב ללכת כשבא', גייט מען צוריק שפעטער, 'מאומה לא ישא בעמלו שיולך בידו', מען נעמט גארנישט מיט פון די גאנצע הארעוואניע וואס מען האט אויף די וועלט, אלעס לאזט מען איבער אזוי ווי עס איז געווען. — דאס איז די וועלט.

**ביי** אידן איז נישט אזוי. מיר זענען מאורס כביכול צום אייבערשטן, וארשתיך לי לעולם, מיר האבן חתונה כביכול מיטן רבונו של עולם, כנסת ישראל כלה קרואה בנעימה, כנסת ישראל איז די כלה, זה דודי וזה רעי, דער רבונו של עולם איז דער חתן. די מצות ומעשים טובים וואס מיר טוען אויף די וועלט, טוען צובינדן דעם חתן מיט די כלה, אז מיר ווערן איינס, מיר וועלן לעבן כביכול מיט'ן רבונו של עולם א נצחיות'דיגע לעבן וואס וועט אנהאלטן לעולמי עד אויף שטענדיג.

## לנצל שעות החיים לתורה ועבודת ה'

**דער** וואס ווייסט אויסצונוצן דאס לעבן, דער איז קונה יעדע שעה פון זיין לעבן חיי עולם. און ווען עס גייט אריבער די חתונה בעולם הזה, עס ענדיגט זיך, הייבט זיך ביי אים אָן א נייער לעבן. יום שצדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה. עס וואַרט פאר אונז א לעבן וואס מיר וועלן זיצן כביכול מיט די שכינה, און קענען נהנה זיין מזיו השכינה. **עס וועט קומען א טאג וואס מיר וועלן האבן א געוואלדיגן תועלת פון יעדע מינוט וואס מיר האבן געלעבט אויף די וועלט.** מיר וועלן אויסנוצען אונזער חתונה, עס וועט טוישן אונזער גאנצע חיות אויף שפעטער. לפומיה דעבידתא עבידן מטללתא, די חופות וואס עס וועט זיין שפעטער, וועט זיין לויט די מעשים וואס מען האט זיך געפירט. מיר דארפן זעהן אויסצונוצן אונזער לעבן פאר תורה און עבודת השם. האט ער אים געזאגט 'חטוף ואכול חטוף ואישתי', כאפ אריין וואס דו קענסט אויף די וועלט. עסן, טרינקן, מיינט נישט גשמיות'דיגע מאכלים. תורה ומצוות ומעשים טובים, ביז עס ליגט נאך אין די הענט און דו קענסט נאך קויפן די מצוות ומעשים טובים, קויף עס אפ.

**חנוך** איז געווארן א מלאך, האט ער נישט געקענט מער נהנה זיין פון די וועלט אין תורה ומצוות ומעשים טובים, **מיר האבן די זכיה, דער באשעפער גיט אונז לעבן, לאמיר האבן א הייליג לעבן, אן ערליך לעבן מיר זאלן עס קענען אויסנוצען פאר תורה און עבודה, עס זאל נישט דארפן זיין כל אחד נכוה מחופתו של חבירו** (בבא בתרא עה.), **וואס דעמאלטס וועט מען זיך כאפן, מיין חבר, קוק ווי שיין ער האט זיך געפירט, קוק וויא א שיינעם עולם הבא מען האט אים צוגעגרייט, וואס פארא חופה ער האט! וויא שטיי איך? וויא געפין איך זיך? פארוואס דארף זיין שפעטער נכוה מחופתו? מיר זענען געזונט, און מיר לעבן, אונז האבן מיר די מעגליכקייט דערצו, אויסצונוצען יעדע רגע וואס א יוד לעבט פאר תורה און עבודת השם.**

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מיר זאלן קענען אויסנוצען אונזער לעבן לתורתו ועבודתו, מען זאל געדענקען וואס אונזער פליכט איז אויף די וועלט, נאר מרבה זיין מצוות ומעשים טובים. התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין, זיך צוצוגרייטן אויף די וועלט אריינצוקומען אין דעם טרקלין, דעמאלטס וועלן מיר זיין גליקליך סיי אויף די וועלט און סיי אויף יענע וועלט, און מיר וועלן זוכה זיין צו זעהן בשמחתן של ישראל. כבימי מור והדס הושעת בניך, זאל דער אייבערשטער אונז אויסלייזן א גאולת עולם.

**עס** שטייט אין מדרש (שוחר טוב משלי י'), ווען דער חכם איז יושב ודורש והעם שומעים הקב"ה מוחל עונותיהם, פארדעם אליין וואס מען איז זיך צוזאמגעקומען און מען הערט דברי תורה, דאס אליין ברענגט מחילת עונות. כל שכן ווען מען רעדט און מען האט אפגעגעבן כבוד פאר אזעלכע ערליכע יודן, צדיקים, וואס האבן איבערגעלאזט די וועלט, אזוי ווי מען האט פריער גערעדט, וואס זייער רוח איז שורה יעצט אין דעם מקום, זייער קדושה געפינט זיך דא, העלפט עס אוודאי צו אז מען זאל קענען האבן א גוטע קבלה אויפן לעבן ווייטער. זאל דער אייבערשטער געבן מיר זאלן אלע זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

**לזכר עולם יהיה צדיק**

נשמתו הטהורה של האי רעיא מהימנא, צדיק מושל ביראת אלקים
עמוד האש שהלך לפני המחנה, לבן ואוהבן של ישראל
**הרה"ק רבי ישראל אברהם בן הרה"ק רבי אליעזר זוסיא זצוקללה"ה**
**האדמו"ר מסקולען**
שעלה בסערה השמימה ביום כ"ה אדר ב' העעל"ט

**זכותו הגדול והקדוש יעמוד לנו ולכל ישראל אמן.**